# פֿערעלע

פֿון לאַנאַ קופּיעץ

ס'איז אַ מאָל געווען אַ פּאָרפֿאָלק, האָבן זיי נישט געהאַט קיין קינ־דער. זײַנען זיי אַלע מאָל געגאַנגען אויפֿן בית־עולם בעטן בײַ גאָט, ער זאָל זיי שענקען אַ קינד. איין מאָל איז אַראָפּגעפֿלויגן אַ מלאך פֿון הימל און זאָגט צו זיי:

— גאָט האָט דערהערט אײַער תּפֿילה. וואָס ווילט איר בעסער: אַ זון, וואָס זאָל זײַן אַזוי גרויס ווי אַ בעבעלע, צי אַ טאָכטער, וואָס צו דרײַצן יאָר וועט זי זיך שמדן?

זאָגן זיי:

— בעסער אַ טאָכטער, כאָטש זי וועט זיך שמדן.

איז אַוועקגעגאַנגען אַ יאָר, האָבן זיי געהאַט אַ טאָכטער. מיט אַ שמייכל אויפֿן פּנים איז זי געקומען אויף דער וועלט, און אירע אייגעלעך האָבן געפֿינקלט ווי צוויי פּערעלעך, דערפֿאַר האָבן זי אַלע גערופֿן – פּערעלע. האָט פּערעלע געגעבן נחת די טאַטע־מאַמע, האָבן די טאַטע־מאַמע געגעבן ליבשאַפֿט פּערעלען.

בײַ נאַכט האָבן זײ געװײנט, װײַל זײ האָבן געװוּסט אַז עס װעט נישט געדויערן אײביק. די יאָרן זײַנען געגאַנגען און עס דאַכט זיך זײ – די יאָרן לויפֿן, זײ פֿליִען, אין גיכן װעט פּערעלע זײ פֿאַרלאָזן.

פּערעלע װאַקסט, זי װאַקסט אַ צופֿרידן, שײן מײדעלע – מיט אַ שמײכל אויפֿן פּנים און אײגעלעך װי צװײ פּערעלעך. די מאַמע און דער טאַטע קוקן אַז פּערעלע װאַקסט – זײ לאַכן בײַ טאָג, זײ װײנען בײַ נאַכט.

די מאַמע לערנט פּערעלען אַלץ װאָס זי קען – װי צו מאַכן קנײדלעך, װאַשן טעפּעלעך, שטריקן, נײען, באַקן אַ קוכן. טראַכט די מאַמע פֿאַר זיך: ״אָך! איך װעל נישט זען פּערעלען אַז זי װעט זײַן אַ כּלה, איך װעל זי נישט זען אַז זי װעט זײַן אַ מאַמע. קײן אײניקל-עך װעל איך נישט האָבן – פּערעלע װעט מיך אין גיכן פֿאַרלאָזן״.

די מאַמע און דער טאַטע דאַװנען יעדן טאָג און זײ לערנען פּער-עלען דאַװנען און זײַן אַ גוטיטשקע ייִדישע טאָכטער. זי זאָל זיך חלילה נישט שמדן!

דער טאַטע קריגט מורא.

— פּערעלע — זאָגט ער — גײ נישט אויף דער גאַס, גײ נישט אויפֿן מאַרק. זיץ אין שטיבעלע, שטריק, נײ, שטריק און נײ, מײַן בעל-הביתטעלע.

ער האָט מורא אַז פּערעלע װעט טרעפֿן אויפֿן מאַרק אַ קריסט און זיך אין אים פֿאַרליבן.

אַ מאָל טראַכט דער טאַטע: ״אויב פּערעלע לײענט ספֿרים, װעט זי נישט װעלן זיך שמדן! זי קען מיך נישט פֿאַרלאָזן!״

און דער טאַטע לערנט פֿערעלען אַלץ וואָס ער ווייס.

אַזוי זיצט פֿערעלע, נייט און לערנט.

די טאַטע־מאַמע האָבן געטראַכט אַז זיי קענען האַלטן פֿערעלען אַזוי אויף אייביק. איצט האָבן זיי געהאָפֿט אַז פֿערעלע וועט זיך אפֿשר נישט שמדן...

און פֿערעלע ? וואָס טוט זיך אין פֿערעלעס קעפּעלע ?

אַ מאָל פֿלעגט זיך פֿערעלע אָפּשטעלן און קוקן דורכן פֿענצטער : אַזוי האָט זי געזען די וועלט.

זי האָט געזען, ווי די קינדער לויפֿן, לאַכן און שמועסן אויף זייער קינדערשער שפּראַך. זי האָט געזען ווי דער מילכיקער ברענגט מילך און גייט פֿון הויז צו הויז,

ווי דער שנײַדער גייט נייען,

ווי דער סוחר גייט האַנדלען,

ווי דער שוחט גייט שעכטן,

ווי דער רבֿ גייט לערנען און געבן עצות.

זי האָט אויך געזען ווי די פֿייגעלעך פֿליִען, ווי די בלומען בליִען, ווי דיביימער גרינען.

איין מאָל איז זי געווען אַליין. פֿלוצלינג הערט זי "סטוק !".

זי האָט זיך אַרומגעקוקט און האָט געזען אינעם קוימען אַ פֿייגעלע אַ גרויס מיט אַ בלויער פֿעדער. עס איז אַרײַנגעפֿאַלן אינעם קוימען.

— פֿייגעלע, פֿייגעלע, וואָס טוסטו דאָ? — האָט פּערעלע געפֿרעגט
— אַ פֿייגעלע דאַרף ניט בלײַבן אינעווייניק.

האָט זי אויפֿגעמאַכט דאָס פֿענצטער און געזאָגט:

— פֿייגעלע, פֿייגעלע, פֿלי!

און דאָס פֿייגעלע פֿליט אַוועק.

פּערעלע האָט געקוקט ווי דאָס פֿייגעלע פֿליט – און איין טרערעלע איז געפֿאַלן ווי אַ פּערעלע אויפֿן דיל.

דעמאָלט איז צוריקגעקומען די מאַמע פֿונעם מאַרק. האָט זי געזען אַז דאָס פֿענצטער איז אָפֿן און האָט אויסגעשריגן:

— פּערעלע, פּערעלע, וואָס טוסטו? מאַך דאָס פֿענצטער צו!

אַן אַנדער טאָג איז פּערעלע געזעסן בײַם פֿענצטער ווען... ״סטוק!״ – האָט זי געהערט. האָט זי זיך אַרומגעקוקט און האָט געזען אינעם קוימען דאָס פֿייגעלע, דאָס גרויע, מיט אַ בלויער פֿעדער.

— פֿייגעלע, פֿייגעלע, וואָס טוסטו דאָ? אַ פֿייגעלע דאַרף ניט בלײַבן אינעווייניק.

האָט זי אויפֿגעמאַכט דאָס פֿענצטער און געזאָגט:

— פֿייגעלע, פֿייגעלע, פֿלי!

און צוויי טרערעלעך זײַנען געפֿאַלן ווי פּערעלעך אויפֿן דיל.

האָט די מאַמע זי געזען פֿון וועג און האָט אויסגעשריגן:

— פּערעלע, פּערעלע, מאַך דאָס פֿענצטער צו!

אַן אַנדער טאָג איז פּערעלע געזעסן בײַם פֿענצטער. "סטוק!" – האָט זי געהערט און האָט געזען דאָס פֿייגעלע, דאָס גרויע, מיט אַ בלויער פֿעדער.

— פֿייגעלע, פֿייגעלע, וואָס טוסטו דאָ?

האָט זי אויפֿגעמאַכט דאָס פֿענצטער – און האָט זיך באַוואַשן מיט טרערעלעך ווי פּערעלעך.

— פֿייגעלע, פֿייגעלע, פֿלי!

— אַ פּערעלע דאַרף ניט בלײַבן אינעווייניק — האָט געשעפּטשעט דאָס פֿייגעלע, דאָס גרויע, מיט אַ בלויער פֿעדער — פּערעלע, פּערעלע, פֿלי!

און עס איז אַוועקגעפֿלויגן.

פּערעלע איז געשטאַנען בײַם פֿענצטער, זי האָט געקוקט ווי דאָס פֿייגעלע פֿליט, און פּלוצלינג האָט זי געזען דורך טרערן ווי אַ פֿעדער אַ בלויע פֿליט אַראָפּ און לייגט זיך אין איר האַנט...

פּערעלע האַלט די פֿעדער אין די הענט און קוקט אויפֿן הימל ווי אַ בעל־חלומותטע. קומט די מאַמע צוריק פֿונעם מאַרק און שרײַט:

— פּערעלע, פּערעלע, מאַך דאָס פֿענצטער צו!

פּערעלע באַהאַלט די פֿעדער אין איר קלייד, מאַכט דאָס פֿענצטער צו און אַרבעט ווײַטער אין דער היים. בײַ נאַכט, ווען די טאַטע־מאַמע שלאָפֿן, נעמט זי די פֿעדער, די בלויע, און שעפּטשעט:

— פּערעלע, פּערעלע, פֿלי!

און נישטאָ! נישטאָ מער קיין פּערעלע אין בעט!

ווּ איז זי, פֿרעגט איר זיך...

אין הימל, איבערן שטיבל, דאָרטן פֿליט פּערעלע אַ דאַנק איר בלויער פֿעדער.

זי פֿליט די גאַנצע נאַכט און זעט דאָס שטעטל אין ליכט פֿון די שטערן. באַגינען קומט זי צוריק אין בעט, און די טאַטע־מאַמע ווייסן נישט פֿון פּערעלעס אַווענטורעס.

גייט ווײַטער דער טאָג לויט זײַן שטייגער: פּערעלע שטריקט, נייט, קאָכט און באַקט, וואַשט די דיל און קלײַבט צו די שטוב.

— אַ פּערפֿעקטע בעל־הביתטע — זאָגן זיך די טאַטע־מאַמע. זיי האָבן פֿאַרגעסן גאָטס ווערטער... (וואָס מיר האָבן – צום גליק – נישט פֿאַרגעסן!)

גייט דער טאָג לויט זײַן שטייגער – אָבער אין פּערעלעס קעפּעלע איז גאָרנישט ווי פֿריִער. זי הערט דעם פֿייגעלעס לידל: ״אַ פּערע־לע דאַרף ניט בלײַבן אינעווייניק״. און זי קען זיך ניט דערוואַרטן אויף דער נאַכט.

דאָס פֿייגעלע האָט איר געוויזן אַן אַנדער וועלט, אַן אַנדער וועג – אַ וועג וואָס געהערט צו פּערעלען אַליין (איך האָב געהערט אַז עס געשעט אָפֿט מיט מיידלעך וואָס ווערן אין גיכן זײַן דרײַצן יאָר אַלט...).

פּערעלע האָט אײַנגעזען אַז ס'זײַנען דאָ זאַכן וואָס זי האָט וויני־

קער ליב צו טאָן. למשל: זי האָט ליב צו נייען, עס אַרט זי נישט – אָבער זי האָט בעסער ליב צו פֿליִען איבער דעם שטעטל צווישן די שטערן. פֿון די שטערן איז דאָס שטעטל קליין – און עס געפֿעלט פּערעלען.

אַזוי אַרבעט די בעל־הביתטעלע ביי טאָג און פּערעלע פֿליט ביי נאַכט.

אַ מאָל, ביי נאַכט, אַ זיסע וואַרעמע זומערנאַכט, ווען אַלע פֿענצ־טער זײַנען אָפֿן, פֿליט פּערעלע נישט איבער דעכער, נאָר צווישן שטיבעלעך, און זי הערט פּלוצלינג קינדערשע קולער וואָס שמו־עסן אַזוי:

— צי קענסטו פּערעלען, דאָס מיידל מיט אַ שמייכל אויפֿן פּנים און טרערן ווי צוויי פּערעלעך אין די אויגן?

— איך האָב זי געזען ביי איר פֿענצטער, אָבער איך האָב זיך קיין מאָל נישט געשפּילט מיט איר אין גאָרנישט. דערפֿאַר קען איך נישט זאָגן אַז איך קען זי.

(אַ לאַגישער געדאַנקען־גאַנג).

— לאָמיך דיר דערציילן פּערעלעס מעשׂהלע: פּערעלעס טאַטע־מאַמע האָבן זי זיך געוווּנטשן אַזוי שטאַרק, זיי האָבן אַזוי געבעטן ביי גאָט, אַז גאָט האָט זיי געגעבן די מתּנה – זייער טײַער פּערעלע. אָבער גאָט האָט געזאָגט אַז פּערעלע וועט זיך שמדן צו דרײַצן יאָר. זיי וואָלטן געקענט אויסקלײַבן אַ זון, אַן אַנדער וועג... זיי זײַנען פֿאַרפֿאַלן, פּערעלע איז פֿאַרפֿאַלן! דער טאָג רוקט זיך צו... דערפֿאַר היטן זי די טאַטע־מאַמע אינעם שטיבעלע, דערפֿאַר האָס־טו זיך קיין מאָל נישט געשפּילט מיט פּערעלען... און איך ווייס פֿון

אַ גוטן מקור אַז פֿערעלעס טאַטע־מאַמע האָבן אַזוי מורא, אַז פֿאַר איר דרײַצנטן געבוירן־טאָג וועלן זיי נעמען פֿערעלען, זי אַוועקפֿירן אין די וועלדער... און זי אויפֿעסן! ס'איז בעסער ווי זי לאָזן זיך שמדן!

— געוויס! — מאַכט אַ קליין, צעשראָקן קול.

צי דער ברודער און די שוועסטער וואָס האָבן אַזוי געשעפּטשעט בײַ נאַכט, האָבן נאָך דעם געקענט שלאָפֿן ווייס איך נישט, ווײַל איך בין נאָכגעפֿלויגן פֿערעלען, צוריק צו איר אַהיים.

פֿערעלע האָט אָנגעכאַפּט די פֿעדער, די בלויע, שטאַרק, שטאַרק, און האָט געבעטן שטאַרק, שטאַרק:

— בלויע פֿעדער, העלף מיר, איך בעט דיך! אַבי איך זאָל נישט ווערן דרײַצן יאָר!

און – גלייבט מיר! – די פֿעדער האָט זיך צוגעהערט צו פֿערעלען. פֿערעלעס דרײַצנטער געבוירן־טאָג איז קיין מאָל נישט געקומען, ווײַל פֿערעלע איז געבוירן געוואָרן אין אָדר שני, און דאָס יאָר פֿון פֿערעלעס דרײַצנטן געבוירן־טאָג איז אויסגעפֿאַלן אין אַ געוויינטלעך יאָר. דערפֿאַר איז פֿערעלע קיין מאָל נישט געוואָרן דרײַצן! און זי האָט זיך נישט געשמדט. האָבן אויפֿגעפֿינקלט נאָך אַ מאָל די פֿערעלעך אין אירע אייגעלעך, האָבן די טאַטע־מאַמע זי נישט אויפֿגעגעסן (אויב איר ווילט וויסן). אָבער פֿערעלע האָט קיין מאָל נישט פֿאַרגעסן דאָס געפֿיל וואָס זי האָט געהאַט ווען זי איז געפֿלויגן צווישן די שטערן און ווען דאָס שטעטל איז געוואָרן קליינטשיק־קליינטשיק און ווײַט־ווײַט.

זײַט מיר מוחל פֿאַר דעם לײַכטן איבערקער אין דער מעשׂה וואָס דערוויַיזט נאָר דאָס:

אַ מיידל מיט אַ פֿעדער קען אָנצייכענען איר אייגענעם וועג.

# סוף